UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Cultural Mondays, Published Works by the L.A. Yiddish Culture Club / Kulturele Montiks, Dershinene Oysgabn Fun L.A. Yidishn Kultur Klub

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/38h5r2sq

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Publication Date**
1953

**Copyright Information**
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# קולטורעלע מאַנטיקס

דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב האָט פאַר אַ לענגערע צייט אָנגעפירט מיט די באַוואוסטע קולטורעלע דאָנערשטיקן. ליידער אָבער איז דער באַזוך צו די דערמאָנטע דאָנערשטיק אָוונטן ניט געווען אַזוי ווי מ'האָט באמת געוואונטשן. פאַר די לעצטע פאַר יאָר זיינען די מאָנטיקדיקע פאַרוואַלטונג זיצונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולטורעלע צוזאַמענקונפטן, דאָס הייסט, נאָך אַ קורצער געשעפט־זיצונג ווערט נאָכדעם דער גאַנצער אָוונט געווידמעט צום לעקטאָר אָדער איינלייטער, איבער אַ וויכטיקן, אינטערעסאַנטן ענין. דער דאָזיקער עקספּירימענט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער הצלחהדיק. מיט גלידער פון דער פאַרוואַלטונג און פון קלוב בכלל קומען מיט זייערע פריינט צו אָט־די קולטורעלע מאָנטיקס, און די באַזוכערשאַפט איז זייער און זייער צופרידנשטעלנדיק.

לעצטן זמן האָבן זיך באַטייליקט מיט לעקציעס און איינלייטונגען ביי די קולטורעלע מאָנטיקס, די פאָלגנדיקע, מיט איין אָדער מער לעקציעס: ג. אזאלי י. פרידלאַנד, י. ל. מאַלאַמוט, בען צוקערמאַן, מ. פאָגאָרעלסקי, יוסף גינזבורג, דר. אייגענס, אַבא גאָרדין, רבי קאַפּלאַן, א. דאָרין, ש. האָכבערג, ט. פריס סערע מענדעל, חברה שוואַרגער, מישאַ שוואַרגער, עזרא גודמאַן, א. דובק ש. ברייגין, ראָוז באַלאָט, חברה בוירנס, פינטשע בערמאַן, און חבר י. קאַלער

אַרום־און־אַרום האָבן מיר אַ סך־הכל פון 42 שבת־צו־נאַכטן, מיט ליטעראַרישע מוזיקאַלישע קאָנצערטן, יום־טובים פייערונגען און שרייבער־אָוונטן; און 48 קולטורעלע מאָנטיק אָוונטן, מיט איינלייטונגען און רעפעראַטן איבער יידישע קולטורעלע און ליטעראַרישע ענינים.

---

# דערשינענע אויסגאַבן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

„בולעטינען" (קולטור כראָניק) ניט פעריאָדישע.

„אונדזער וואָרט", חודש זשורנאַל, פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים. דערשינען 4 נומערן: מערץ, אַפּריל, מאי און יוני, 1939. רעדאַקציע קאָלעגיום: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאנד און ה. גאלדאוווסקי ע"ה.

„חשבון", צום אויפבוי פון נייעם בנין. 120 זייטן, 1946. רעדאַקציע: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאנד און א. טענעהאָלץ.

„ידיעות", 12 זייטן, 1948.

„סטודיאָ", קונסט־אַלבום צו דער דערעפענונג פון דער פאַרגרעסערטער ליאָטעק. קונסט בילדער פון מאקס באַנד, באָריס דויטש, טשארלס ש בערנארד סופר און בערל סאטט.

„חשבון", צום 25 יאָריקן יובילײ פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, 104 1951. רעדאַקטירט: ה. רויזענבלאט און י. פרידלאנד.

„חשבון", דריטער נומער, 52 זייטן, 1952. רעדאַקטירט: י. פרידלאַנד באביטש.

„חשבון", פערטער נומער, 80 זייטן, 1953. רעדאקטירט : י. פרידלאַנד מאלאמוט.